**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/24/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שענקט באגנעדיגונג פאר 10 מענטשן און מעלדט שאפונג פון א נייעם ראט פאנעל

***גאווערנער האקול פארשפרעכט צו ווידמען נאך רעסאָרסן צו קענען שענקן באגנעדיגונג אויף א כסדר׳דיגן באזיס דורכאויס דעם יאר, אריינגערעכנט א ראט פאנעל פון אומפארטייאישע מומחים***

***גאווערנער האקול פארשפרעכט צו העכערן דורכזעעדיגקייט און קאמוניקאציע מיט אפליקאנטן איבער אפליקאציע סטאטוס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געשאנקען באגנעדיגונג צו 10 מענטשן וועלכע האבן געוויזן חרטה און פעאיגקייט אויף רעהאביליטירונג. די מענטשן אויסגעקליבן פאר באגנעדיגונג האבן געוויזן אנטשלאסנקייט צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס און זיך זעלבסט, און זענען פארזיכטיג אויסגעוועהלט געווארן נאך אן אויספירליכן איבערזיכט פראצעס. דער גאווערנער האט אויך געמאלדן עטליכע טריט צו רעפארמירן דעם עקזעקיוטיוו באגנעדיגונג פראגראם, אריינגערעכנט דאס אויסמעלדן אז זי האט פאראָרדענט פאר׳ן קאונסעל פאר׳ן גאווערנער אויסצווועהלן א ראט פאנעל ארויסצוהעלפן אין דאס ראטן דעם גאווערנער איבער באגנעדיגונג אפליקאציעס. דער ראט פאנעל וואט באשטיין פון אומפארטייאישע מומחים פון די געביטן פון געזעץ אינפארסירונג, פובליק פארטיידיגונג, די געריכטשאפט, און קלעריקער, ווי אויך געוועזענע ארעסטאנטן.

״אלס גאווערנער האב איך אן אייגנארטיגער און הייליגער פאראנטווארטליכקייט צו ניצן די מאכט פון באגנעדיגונג מיט פארזיכטיגקייט אויף צו אדרעסירן יחידים אין דעם קרימינאלן יוסטיץ סיסטעם וועלכע זענען באגאנגען פעלערדיגע שריטן און האבן גענומען שריטן זיך זעלבסט רעהאביליטירן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״איך שענק באגנעדיגונג פאר די יחידים וועלכע האבן זיך עס פארדינט דורך ווערן א מוסטער פון רעהאביליטירונג, און איך בין אנטשלאסן צו העכערן דורכזעעדיגקייט און פאראנטווארטליכקייט אין דעם פראצעס פון היינט און ווייטער. קיינער טאר נישט דעפינירט ווערן איבער זייערע ערגסטע טעותים, און די יחידים האבן געארבעט אומערמידליך מכפר צו זיין פאר זייערע.״

גאווערנער האקול האט אויך אויסגעמאלדן אן איבערהוילונג פון דעם באגנעדיגונג פראצעס צו העכערן דורכזעעדיגקייט און פארבעסערן דעם איבערזיכט פראצעס. צום ערשט האט דער גאווערנער זיך פארשפראכן צו ווידמען נאך שטאב מיטגלידער אויף איבערצוקוקן אפליקאציעס כדי צו קענען שענקן באגנעדיגונג אויף אן אנגייענדן באזיס דורכאויס דעם יאר, ווי איידער שענקן באגנעדיגונג בלויז איינמאל א יאר. די צוגעגעבענע רעסאָרסן וועלן העלפן פארזיכערן אז דער אנגייענדער קען פארקומען אויף א באדייטנדע אופן, און אז יעדע אפליקאציע קען באקומען דער גרונטליכער און צייטליכער אויפמערקזאמקייט וואס עס קומט זיך.

כדי צו פארבעסערן דורכזעעדיגקייט אין דעם באגנעדיגונג אפליקאציע און איבערזיכט פראצעס האט דער גאווערנער אויך אויסגעמאלדן אז ווען אימער זי וועט נעמען שריטן אויף באגנעדיגונג וועט איר אפיס ארויסגעבן ציפערן וועלכע וועלן דייטליך ערקלערן וויפיל באגנעדיגונג אפליקאציעס זענען ערהאלטן געווארן אין דעם יאר ביז היינט, און וויפיל זענען געשאנקען געווארן אדער צוריקגעוויזן. צוויי מאל אין יאר וועלן אפליקאציעס וועמענס קעיסעס בלייבן אפן און אונטער איבערזיכט באקומען בריוון צו באשטעטיגן זייער קעיס סטאטוס און צושטעלן אינפארמאציע איבער וויאזוי דער אפליקאנט קען אריינגעבן נאך אינפארמאציע צו שטיצן זייער אפליקאציע.

דער גאווערנער׳ס אפיס וועט אויך ארבעטן מיט דער עקזעקיוטיוו באגנעדיגונג ביורא אינערהאלב דעם דעפארטמענט פון פארעכטונג און קאמיוניטי אויפזיכט צוצושטעלן בעסערע אנווייזונגען פאר באגנעדיגונג אפליקאנטן איבער וואספארא אינפארמאציע זיי זאלן אריינשטעלן אין זייערע אפליקאציעס און וויאזוי זיין זאלן מאכן דעם גאווערנער׳ס אפיס באוואוסטזיניג איבער די ענדערונגען אין זייערע אומשטענדן וועלכע קענען באווירקן אויף זייער אנגעלעגנהייט.

**<u>פאַרדאָנס (מחילה)</u>**

**אנא סאנטשעז ווענטורע,** 64, האט געלעבט שוין 19 יאר אן קיין פארברעך, און איז אן אקטיווע מיטגליד פון איר ארטיגע קאמיוניטי, אריינגערעכנט אן ארטיגער סיניאָר צענטער וואו זי האט ארגאניזירט טריפס און פארוויילונגס רייזעס און געהאלפן נייען און ביישטייערן הונדערטער מאסקעס אין לויף פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. מס. סאנטשעז האט דריי קינדער און עטליכע אייניקלעך, און האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן אויף איבער 45 יאר. זי איז פאר׳משפט געווארן פאר געפראוווטע קרימינאלע באזיצונג פון א רעגולירטע נארקאטיק אין דריטן גראד אין 2002. א פארדאן וועט איר העלפן פארבלייבן דא מיט איר פאמיליע און קאמיוניטי.

**וואַן ווינאס,** 56, איז שוין 30 יאר אן א פארברעך, און איז באשעפטיגט מיט באצאלונג ביי א גאראדזש פארוואלטונג קאָמפּאַני אין ניו יארק סיטי שוין באלד 25 יאר. ער וואוינט שוין אין די פאראייניגטע שטאטן איבער 40 יאר, איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער, און איז דער פאטער פון פינף קינדער וועלכע זענען אמעריקאנע בירגער, איינע פון וועלכע איז אן יו-עס ארמיי וועטעראן. זי איז פאר׳משפט געווארן איבער צוויי קלאגפונקטן אויף קרימינאלישע פארמיטלונג אין צווייטן גראד אין 1991. א פארדאן וועט העלפן מר. ווינאס זיך שאפן א גרין-קאַרד כדי אז ער זאל קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פאמיליע.

**פאוסטינא רעיעס**, 60, איז שוין אן א פארברעך ניין יאר, האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן אויף איבער 35 יאר, און איז שוין פארהייראט מיט אן אמעריקאנער בירגער איבער דריי צענדליג יארן. מר. רעיעס איז פאר׳משפט געווארן פאר קרימינאל פארקויפן א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם דריטן גראד אין 2012.  א פארדאן וועט העלפן פארזיכערן אז מר. רעיעס וועט קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פרוי און קענען זיכערערהייט רייזן קיין אויסלאנד צו באזוכן זיין פאמיליע אן קיין מורא פון נישט ווערן צוריק אריינגעלאזט אין לאנד.

**סאנדרא וויליאמס,** 65 איז שוין אן א פארברעך 25 יאר און האט געארבעט אלס א היים געזונטהייט באהעלפער זינט 1999. זי האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן איבער 50 יאר און האט צוויי קינדער און עטליכע אייניקלעך. זי איז פאר׳משפט געווארן פאר פראסטיטוציע, קרימינאליש פארקויפן א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם פערטן גראד, קרימינאלישע באזיץ פון א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם זיבעטן גראד, געפראוווטע קרימינאלישע באניץ פון גע׳גנב׳עטע פארמעגנס אין דעם פינפטן גראד, און אומגעזעצליך זיך ארומדרייען מיט א רעגולירטע נארקאטיק צווישן 1974 און 1996. א פארדאן וועט העלפן פארזיכערן אז זי קען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט איר פאמיליע.

**פראנסיסקא ווארגאס**, 53 לעבט שוין אן א פארברעך 18 יאר. מר. ווארגאס האט שוין אנגעהאלטן באשעפטיגונג אלס א פּאַרקינג אויפזעער און איז אן אקטיווער מיטגליד אין זיין ארטיגער קירכע. ער האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן שוין איבער 35 יאר. ער איז פאר׳מישפט געווארן פאר דאס פרואוון קרימינאליש פארקויפן א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם דריטן גראד און פרואוון איינגעבן א פאלשע דאקומענט אין דעם צווייטן גראד. א פארדאן וועט העלפן מר. ווארגאס זוכן אמעריקאנע בירגערשאפט און פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיינע אנדערע אמעריקאנע בירגער פאמיליע מיטגלידער, אריינגערעכנט זיינע קינדער, זיווג, מוטער, און געשוויסטער.

**ארלענדא פערנאנדעז טאווערעס**, 46, לעבט שוין אן א פארברעך 12 יאר. מר. פערנאנדעז טאווערעס איז געקומען אין די פאראייניגטע שטאטן ווען ער איז געווען אומגעפער 16 חדשים אלט און געוואוינט דא איבער 30 יאר בעפאר ווערן דעפארטירט אין 2014 צוליב זיין באשולדיגט. ער איז פארהייראט צו אן אמעריקאנע בירגער און האט א קינד אן אמעריקאנער בירגער, ביידע פון וועלכע האבן פארלאזט דעם לאנד מיט אים אינאיינעם כדי צו קענען צוזאמענהאלטן די פאמיליע נאך זיין דעפארטאציע.  ער איז פאר׳מישפט געווארן פאר קליין-גניבה, געפראוווטע קליין-גניבה, קרימינאלישע באזיץ פון גע׳גנב׳עטע פארמעגן אין דעם פינפטן גראד, קרימינאלישע באזיץ פון א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם זיבעטן גראד, קרימינאליש אריבערטרעטן אין דעם דריטן גראד, געפראוווטע ארעסט קעגנשטעלונג, אריבערטרעטן, און אומערלויבטע באניץ פון אן אויטא אין דעם דריטן גראד צווישן 1998 און 2008. א פארדאן וועט העלפן מר. פערנאנדעז זיך אומקערן צו די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פאמיליע, וואו זיי וועלן זיך ווידער אנשליסן מיט א ברייטע נעץ פון פאמיליע מיטגלידער וועלכע זענען אמעריקאנע בירגער און געזעצליכע קביעות׳דיגע איינוואוינער.

**הענלי גאמעז**, 41 איז שוין אן קיין פארברעך זיבן יאר. מר. גאמעז וואוינט שוין אין די פאראייניגטע שטאטן זינט ער איז אכט יאר אלט, און ארבעט איצט פאר א ניו יארק סיטי-באזירטע מאלצייט דעליווערי קאמפאני. ער ביישטייערט זיך אויך ביי אן ארטיגער עסנווארג קעמערל. מר. גאמעז איז אויך דער הויפט אויפפאסער און באזארגער פאר זיין 10-יעריג קינד. ער איז פאר׳מישפט געווארן פאר קרימינאלישע באזיץ פון א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם זיבעטן גראד, זיך קעגנשטעלן ארעסט, DWAI, און געפראוווטע פארברעכערישע שאדן צווישן 1998 און 2011. א פארדאן וועט העלפן פארזיכערן אז מר. גאמעז זאל קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין זון און ברייטערע פאמיליע.

**וואַן סוואזא,** 54 איז שוין אן קיין פארברעך 34 יאר. מר. סוואזא איז אן אקטיווער מיטגליד פון זיין ארטיגע קירכע און ארבעט אלס א סטאליער מיט א רופינג און וואָטערפרופינג קאמפאני. ער איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער, האט צוויי קינדער אמעריקאנע בירגער, און וואוינט שוין אין די פאראייניגטע שטאטן זינט 1984. ער איז פאר׳מישפט געווארן פאר געפראוווטע קרימינאלישע באזיץ פון א רעגולירטע נארקאטיק אין פינפטן גראד אין 1986. א פארדאן וועט העלפן מר. סוואזא זיך שאפן א גרין-קאַרד און פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פאמיליע.

**עדילבערטא רעיעס קאנאלעס**, 56, וואוינט שוין אן קיין פארברעך 12 יאר און ארבעט שוין עטליכע יאר אלס א היים געזונטהייט באהעלפער, אריינגערעכנט דורכאויס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. זי איז אן איבערלעבער פון שטוב באַ׳עוולה׳ן. מס. רעיעס וואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן זינט אנטלויפן פון קריג און אומרוען אין איר היים-לאנד אין 1988. זי איז דער הויפט אויפפאסער און באזארגער פאר איר זון, וועלכער איז אן אמעריקאנער בירגער. מס רעיעס איז פאר׳מישפט געווארן פאר קרימינאלישע אומ׳דרך-ארץ צו א געריכט אין דעם צווייטן גראד, זיך קעגנשטעלן ארעסט, באפאלן אין דעם דריטן גראד, איינשטעלן דער וואוילזיין פון א קינד, פאלש באריכטן אן אינצידענט צו געזעץ אינפארסירער אין דעם דריטן גראד, און קליין-גניבה צווישן 2007 און2009, און געפראוווטע קליין-גניבה אין 1993. איר פאר׳מישפט׳ן צווישן 2007 און 2009 זענען פארגעקומען דורכאויס א צייט אפשניט אין איר לעבן ווען זי האט אקטיוו געפראווט אנטלויפן א שלעגערישע זיווג-באציאונג. א פארדאן וועט העלפן מס. רעיעס

אויסמיידן דעפארטאציע, אויף וועלכע זי שטייט אויס אן אויפקומענדע פארהער, און פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט איר זון.

**שטראף פארמילדערונגען**

**ראדזשער קאול**, 55, איז ארגינעל פאראורטיילט געווארן צו הונדערט פינף און צוואנציג יאר ביז לעבנסלאנגע טורמע, נאכ׳ן געשטעלט ווערן צום געריכט פראצעס אין פארלויף פון די ראקעפעלער דראָג געזעץ תקופה, אין פארלויף פון וועלכן עס זענען דערלאנגט געווארן עקסטרעם-לאנגע טורמע אורטיילן פאר דראָג-פארבינדענע באשולדיגונגען. אין 1989 און 1992, איז ער פאר׳משפט געווארן אויף פינף קלאגפונקטן פון קרימינאלישע באזיץ פון א רעגולירטע נארקאטיק אין דעם ערשטן גראד און איין קלאגפונקט פון קרימינאלישע פארקויף פון שיס-געווער אין צווייטן גרא און איין קלאגפונקט פון קרימינאלישע באזיץ פון געווער אין דעם דריטן גראד. זיין אורטייל איז דערנאך רעדוצירט געווארן נאך אן אפיעל אויף פינף און אכציג ביז הונדערט יאר, פון וועלכע מר. קאול איז שוין ביז איצט אפגעזעצן איבער דרייסיג יאר. אויב וואלט ער היינט פאר׳משפט געווארן וואלט ער מסתמא נישט אויסגעשטאנען אזא לאנגן אורטייל. בשעת׳ן זיין איינגעזעצט, האט מר. קאול שטודירט און באקומען זיין GED דיפלאם ווי אויך אן אסאסיעט דעגרי, און איז דורכגעגאנגען פילצאליגע פאכמאנישע טרענירונג און סערטיפיקעישען פראגראמען, אריינגערעכנט לעגאלע פארשונג און געזעץ ביבליאטעק פארוואלטונג. ער האט זיך אויף פארדינט א סערטיפיקאט פאר׳ן דורכגיין א דריי-יעריגע ביזנעס קורס בשעת׳ן זיין איינגעזעצט. נאכ׳ן ארויסלאזן וועט מר. קאול זיין ווידער פאראייניגט מיט זיין מוטער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער אין זיין היים לאנד פון דזשעמעיקע וועלכע וועלן אים צושטעלן האָוזינג און אים העלפן געפונען באשעפטיגונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן